# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:51
מוצאי שב"ק.................8:23

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................מלכים-ב ט"ו-ט"ז
בבלי.....................סנהדרין צ"ה
ירושלמי..............מועד קטן ח'
תוספתא....................חגיגה ב'
רמב"ם...........................כלים ט"ו

פרשת ויקהל, שבת פרה, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 25 (693)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כָּל אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה בָּהֵמָּה. בִּפְשְׁטוּת טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט 'בָּהֵמָּה' – אִין זֵיי, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט גָאר שֵׁיין אוֹיס דֶעם פָּסוּק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן טו), אַז דָאס וָוארְט 'בְּהֵמָה' מֵיינְט טַאקֶע פָּשׁוּט אַ בְּהֵמָה, אוּן עֶס אִיז אַ חָכְמָה צוּ זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֻלִּין ה:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ז): "**אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ ה'**", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ וִוי אַ בְּהֵמָה, זֵיי טוּעֶן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת. אוּן אַזוֹי וִוי אָסָף בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם עג, כב): "**וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ**", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

וָואס מֵיינְט 'זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה?' דָאס מֵיינְט זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אִיךְ לֵייג אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל אוּן אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: "**נָאךְ אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָּנוֹת, לֵייג אִיךְ אַלֶעס אַוֶועק, אִיךְ בִּין אַ נַאר אוּן גְלֵייבּ**"; צַדִּיקִים זֶענֶען אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי גְרוֹיס צַדִּיקִים זֶענֶען, מִיר וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶוענֶען לֵייגְט עֶר אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת. דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְשְׁטוּת, אוּן זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַשְׁמַע אַז 'מִלְחֶמֶת גוֹג וּמָגוֹג' וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מִלְחָמָה מִיט טַאנְקֶען אוּן בָּאמְבֶּעס, נָאר דֶער מִלְחָמָה וֶועט זִיךְ אָפְּטוּן בַּיי יֶעדְן אִיד אִין מֹחַ, דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערֶע מִלְחָמָה, אֵיין מִינוּט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', נָאכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ קַשְׁיָא אוֹיף דִי אֱמוּנָה; אַ מִלְחָמָה וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין קָאפּ, מֶען טְרַאכְט: 'זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן בַּיי אִידִישְׁקֵייט אָדֶער נִישְׁט', 'זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אָדֶער נִישְׁט', דִי שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען מֶען נָאר בֵּייקוּמֶען אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ טוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

אִין גֶעוִוירְסֶע פְּלֶעצֶער הָאט מֶען פֶּסַח אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אַרַיינְגֶעלֵייגְט קָאפּ אוּן מֹחַ בְּעִיקָּר אִינֶעם 'דִקְדּוּק הַמִּצְוֹת', וִוי מֶען קֶען מַאכְן דִי מִצְוָה מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶּער בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָּר דִי 'שִׂמְחָה' פוּן דִי מִצְוָה, דִי 'לֶעבְּן' פוּן דִי מִצְוָה. אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט; וֶוען מֶען קוּמְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, מֶען טוּט אָן תְּפִילִין, גֶעבּ אַ טְרַאכְט: פַּארְוָואס קוּם אִיךְ אִין שׁוּל? פַּארְוָואס טוּ אִיךְ אָן תְּפִילִין? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַּארְוָואס טוּ אִיךְ אָן צִיצִית? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַּארְוָואס הִיט אִיךְ שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "**וֶוען מֶען הַאלְט אַ מַצָּה אִין הַאנְט הַאלְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוער הָאט גֶעהֵייסְן עֶסְן מַצָּה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען הַאלְט אִים אַלֵיינְס**".

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, דִינְט מֶען וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'בֶּעט, מְ'שְׁרֵייט, אוּן מְ'רֶעגְט זִיךְ

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת, צוּ מְוַותֵּר זַיין אוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אִיז גָאר אַ גוּטֶע אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זַאךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְן דִי וִויכְטִיגֶע מִדָּה, וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, סַיי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צִי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה, מִיט אִידְן אִין שׁוּל, אָדֶער מִיט סֵיי וֶועמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט צוּ טוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַארְף מֶען אַלֶעמָאל מְוַותֵּר זַיין. וֶוער עֶס אִיז מְוַותֵּר - דֶער גֶעוִוינְט.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד דִי מִדַּת הַוַּתְּרָנוּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עֲקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז מְ'זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אָבֶּער אַלֶעמָאל אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מְ'זָאל אִים בַּאדִינֶען פַאר אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוָואלְט בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעדוּנְגֶען אַ שַׁמָּשׁ וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען, אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעצָאלְט אַ גֶעהַאלְט.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דוּ הֶערְסְט וִוי דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, דֶער קִינְד אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער אִין דֶער קִינְד אִיז אַ מְחוּצָף, יֶעדֶער אִיז שְׁלֶעכְט, אוּן דָאס מַאכְט דִיךְ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אִיר, אַז זִי קְלַאפְּט דִי קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ גְלַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי לֵייצֶעס אוּן הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז זִי זָאל קוּמֶען צוּ זִיךְ, דָאס שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִיז פוּן זַיין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט.

דִי צַייט פוּן פַּארְנַאכְטְס אִיז קְרִיטִישׁ וִויכְטִיג צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. אַז דוּ וִוילְסְט שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן, נִישְׁט פַּארְנַאכְטְס וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיף אֵיין מָאל יֶעדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַלֶעס פְּלִיט, אוּן אַלֶע שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען; זָאלְסְטוּ אַהֵיים לוֹיפְן אוּן אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי לֵייצֶעס בִּיז דַיין וַוייבּ קוּמְט צוּ זִיךְ.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער - אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן זֵיי יֶעדֶער זָאל עֶפֶּעס הֶעלְפְן, וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִּצַוֶּה תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מֶען וֶוערְט רֵיין פוּן טוּמְאַת מֵת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שַׁבַּת פָּרָה, י"ט אָדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ שַׁבָּת רֵיינִיגְן מִיר זִיךְ, אַלְס אַ הֲכָנָה אוֹיפְן יוֹם טוֹב פֶּסַח; וִוי אַזוֹי רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ פוּן טוּמְאַת מֵת? דוּרְךְ דֶעם כֹּהֵן, דוּרְכְ'ן צַדִיק; אַז מֶען פָּאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם כֹּהֵן, פוּן צַדִיק - וֶוערְט מֶען רֵיין פוּן טוּמְאַת מֵת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמב) אַז טוּמְאַת מֵת אִיז שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מַחְשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוּן נָאר דֶער כֹּהֵן קֶען רֵיינִיגְן פוּן דֶעם.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, גֶעדֶענְקְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וָואס אִיז חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען מֶען זִיךְ פַארְרוּפְן פוּן רֶבִּינְ'ס לַייט, אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט מִיטְן רֶבִּי"ן.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה גֶעפָארְן מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אַז עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי"ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּם רֶבִּי"ן, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי"ן, אוּן עֶר אֲזַי אִים מְקַנֵא, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי"ן? יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי"ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי"ן, דוּ בִּיסְט נָאנְט צוּם רֶבִּי"ן, דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי"ן - אִיז דֶער רֶבִּי מִיט דִיר.

בֵּיי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ טוֹעֶה זַיין, מֶען זָאל זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין נִישְׁט וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מֶען אִיז מְשַׁנֶה פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בֵּיי דִי עֶלְטֶערְן, מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אוֹיף נִישְׁטִיגֶע זַאכְן; זָאלְט אִיר ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט צוּ פַארְמִינֶערְן פוּן שֵׁיינֶע מִנְהָגִים אוּן דִי וֶועג וִוי מֶען הָאט גֶעזֶען בֵּיי עֶלְטֶערְן, בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת אִיז נָאר אַרַיינְבְּלָאזְן חַיּוּת צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְן מִיט תַּכְלִית, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי"ן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק - גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי"ן אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי"ן.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיטְן לֶערְנֶען עֶנְקֶערֶע שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי"ן אַן עִיקָר - נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין דִי פַארְנוּמֶענֶע עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי חָמֵץ אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, פִירְט אַייךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ. אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ - אִיז מֶען אַ שֵׁגֶץ; אֲפִילוּ מֶען גֵייט מִיט אַ יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער קַאפְּטְן, אִיז מֶען אַ שֵׁגֶץ מִיט אַ קַאפְּטְן; אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מֶען מוּז זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן טְשֶׁעפֶּען. **אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין. אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו-פָּרָה תשפ"ד)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

צוּם רֶבִּי"ן אוּן הָאט גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פוּל מִיט רוֹיךְ. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעלִיטְן פוּן אַ לוּנְגֶען אַנְטְצִינְדוּנְג, וָואס רוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזֶען אַז דָאס קוּמְט פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיוְון, עֶר הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער אַז דִי הוֹיז זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן. דֶער שַׁמָּשׁ אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג, פַארְוָואס עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען צָאלְט אִים דָאךְ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן, אוּן עֶר וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דָא זִיצְט עֶר אוּן עֶר דְרִימְלְט?!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעוֵוייניג צוּם רֶבִּי"ן, אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי"ן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׁמָּשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אוֹיסְלוּפְטֶערְן דִי שְׁטוּבּ. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעט מֶען, דִי צְוֵוייטֶע מָאל שְׁרֵייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ; אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרִיטֶע, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"...

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֵיינְט עֶר אַז עֶר וֶועט יֶענֶעם גוּט אַרַיינְזָאגְן אוּן מִיט דֶעם וֶועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן. דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶער אַז דָאס קֶען אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַחְלוֹקֶת פוּן וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט נָאר לַיידְן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט.

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת קוּמְט צוּנִיץ אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְן. אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְלַאנְגְט פוּן זִיךְ מֶער פוּן ווִיפִיל עֶר קֶען, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס. דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אוּן ווִיסְן אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ טוּן אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל. פַארְקֶערְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיפְקוּקְן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אוּן אַרַיינְכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אַ וַתְּרָן, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי, דֶער מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ, ווִילְן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, נָאר זֵיי רוֹדְפְ'ן דֶעם צְוֵוייטְן בִּיזְ'ן סוֹף, דַאן וֶועט פַּאסִירְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אָדֶער וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְן אַזוֹי צֶעדְרִיקְט אוּן צֶעקְלַאפְּט בִּיז עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ, אָדֶער וֶועלְן דִי קְרִיגֶערֵייעֶן פִירְן צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיף בֵּיידֶע פֶעלֶער וֶועלְן בֵּיידֶע לַיידְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע וֶועלְן לַיידְן דִי קִינְדֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶער שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין פִילֶע צָרוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער, כָאטְשׁ וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לֶערְנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף דָאס אָבֶער צוּגֵיין אוֹיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן וַתְּרָנוּת, וַוייל אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עֶקְסְטְרֶעם, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁכֵנִים זֶעט מֶען דָאס גָאר שְׁטַארְק, אַז נָאר מִיטְ'ן מְוַותֵּר זַיין קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. מֶענְטְשְׁן צוּקְרִיגְן זִיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים פַאר קְלֵיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם מִיסְט זֶעקְל דָא אָדֶער דָארְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַאכְן אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט וואוּ עֶר וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט צוּ לֵייגְן, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע קְלֵיינֶע זַאכְן. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט אַ שָׁכֵן דַארְף מֶען זַיין גוּט, מֶען וואוֹינְט דָאךְ אִין אֵיין הוֹיז מִיט יֶענֶעם, טִיר בַּיי טִיר, אוּן פוּן זַיין צֶעקְרִיגְט וֶועט נָאר אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר בֵּיידֶע. מִיט דֶעם וָואס מֶען מְוַותֵּר זַיין פַאר יֶענֶעם, וֶועלְן בֵּיידֶע נָאר פַארְדִינֶען.

ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זוּכְט נָאר אַז יֶענֶעם זָאל זַיין גוּט אוּן ווארוּיל, דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֵיין אוֹיךְ גֵיין גוּט, אוּן פַארְקֶערְט אֵיינֶער וָואס זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה אוּן נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס, דֶעם וֶועט פַאר אִים אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט. ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זַיין גוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ וַתְּרָן)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
## פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קצז)

תרסח

מָאנְטָאג, י״ז אִיָּר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ זַיין בְּרוּדֶער ר׳ יְחִיאֵל, וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט דֶעמָאלְט אִין שְׁטָאט קְרִימִינְטְשָׁאק, וואוּ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דָארְט צוּ רוֹדְפְ׳ן. עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז מֶען רוֹדְפְ׳ט אִים, אוּן דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט דֶעם פָאלְגֶנְדְן בְּרִיוו:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם שֵׁנִי פַּרְשַׁת בְּחֻקוֹתַי.

לַאֲהוּבִי אָחִי, חֲבִיבִי וִידִידִי, הָרַבָּנִי הַמּוּפְלָא וּמֻפְלָג, חָכָם הַשָּׁלֵם וְכוּ׳, מוֹרֵינוּ הָרַב יְחִיאֵל צְבִי נֵרוֹ יָאִיר וְיוֹפִיעַ.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דַיין בְּרִיוו דָא אִין קְהִלַּת קוֹדֶשׁ זַאסְלַאב, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, וִוי אַזוֹי וַואגְן זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע רְשָׁעִים זִיךְ אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ מִתְחַצֵּף צוּ זַיין קֶעגְן דִיר, אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קֶעגְן זֵיי עֶפֶּעס גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן קֶעגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, דוּ זָאלְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי, דוּ שְׁטַארְק דִיךְ נָאר מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאַת הַשֵּׁם אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אוּן דִי זְכוּת פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט דִיר בֵּיישְׁטֵיין אוּן הֶעלְפְן.

דִי אַלֶע צַעַר אוּן מַחְלוֹקֶת אִיז נָאר דִיר צוּ גְרֶעסֶער מַאכְן, דִיר חָשׁוּבֶער מַאכְן, אוּן צוּ פַארְשַׁארְפֶערְן דַיין שֵׂכֶל; אַזוֹי וִוי סֵיי וֶועלְכֶע זוּמֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ זֵייעֶר תַּכְלִית שֵׁיין אַרוֹיסְצוּוַואקְסְן, נָאר אוֹיבּ מֶען לֵייגְט זֵיי קוֹדֶם אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, אוּן דָאס קֶערְנְדְל וֶוערְט קוֹדֶם פַארְוֶועלְקְט, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס דָאס קֶערְנְדְל אִיז גֶענְצְלִיךְ צֶעגַאנְגֶען, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט עֶס אָן שְׁפְּרָאצְן אוּן בְּלִיעֶן אוּן עֶס וַואקְסְט אוֹיס אַ שֵׁיינֶער גְרוֹיסֶער בּוֹים; דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ דָא, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיר בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין וַואקְסְן אוּן בְּלִיעֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען דִי רְשָׁעִים וָואלְטְן גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, וָואלְטְן זֵיי דִיר זִיכֶער נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן פַארְשֶׁעמְט, וַוייל זֵיי זוּכְן דָאךְ נָאר דַיין שְׁלֶעכְטְס.

אוּן אִיךְ וִויל דִיר לָאזְן וִויסְן אַז אִיךְ טְרַאכְט צוּ בְּלַייבְּן דָא אִין זַאסְלַאב פַאר אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי חֳדָשִׁים, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן וואוּ צוּ גֵיין וַוייטֶער.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר לָאזְן וִויסְן אַז מַיין וַוייבּ אִיז אִין אָנְהוֹיבּ גֶעוָוארְן אַבִּיסְל בֶּעסֶער, אָבֶּער יֶעצְט הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן זִי וֶוערְט שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער יֶעדְן טָאג, אוּן דִי הוֹצָאוֹת דָא זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, אִיךְ הָאבּ דָא גֶעדַארְפְט צָאלְן פִיר אוּן פוּפְצִיג רֶענְדְלֶעךְ יֶעדְן טָאג. אוּן מֶער גָארְנִישְׁט, נָאר לֶעבְּן אוּן פְרִידְן.

**מִנָּאִי אָחִיךָ אוֹהֵב נֶאֱמָן הַדּוֹרֵשׁ שְׁלוֹם תּוֹרָתְךָ וּמְצַפֶּה לִשְׁמֹעַ מִמֶּנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת וְלִרְאוֹתוֹ בְּחַיִּים וְשָׁלוֹם.**

**נַחְמָן בֶּן מוֹרֵינוּ הָרַב שִׂמְחָה יצ״ו**

מַיין וַוייבּ שִׁיקְט אַ גְרִיס פַאר דַיין וַוייבּ, מַיין טָאכְטֶער מִרְיָם לָאזְט גְרִיסְן אַלֶעמֶען. אוּן אִיךְ לָאז גְרִיסְן דִי אַלֶע וָואס שְׁטִיצְן דִיר אוּן זֶענֶען דִיר מְחַזֵּק, שְׁטַארְקְט אַייךְ, וַוייל אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען גוּטֶע שְׂכַר אוֹיף אֵייעֶר אַרְבֶּעט, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**נַחְמָן הַנַּ״ל**

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# בָּארְגְן גֶעלְט צוּ צָאלְן רֶענְט?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מַיין חַבֶר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט פַאר דִי דִירָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט זָאל מֶען בָּארְגְן פַאר דֶעם; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאגְט טַאקֶע אַז רֶענְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהֶערְט אַז מֶען זָאל בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז טַאקֶע, אוּן דֶערְוַוייל גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּטָה, אוּן אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אָדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֱמֶת, רֶענְט דַארְף מֶען גְלַייךְ בַּאצָאלְן, מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אַז רֶענְט קוּמְט דִי עֶרְשְׁטֶע; רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן, וַוייל עֶסְן קֶען מֶען גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת, מֶען קֶען אַהֵיים נֶעמֶען פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וְכוּ׳, אָבֶּער אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט רֶענְט - וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין דַאךְ אוֹיפְן קָאפּ, מֶען וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ דִירָה.

אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, חוֹבוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חוֹבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״, וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זַיין אַ בַּעַל חוֹב; חַס וְשָׁלוֹם בָּארְגְן גֶעלְט, בָּארְגְן גֶעלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט אֲפִילוּ עֶס פַּאסְט נִישְׁט וְכוּ׳, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דַיינֶע הוֹצָאוֹת זָאלְסְטוּ גֵיין קְלַייבְּן גֶעלְט. עַל פִּי הֲלָכָה, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט - מֶעג מֶען נֶעמֶען פוּן צְדָקָה, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים וְכוּ׳, אוּן טֵייל דָאס אוֹיס בֵּיי דִי הַייזֶער; מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דִיךְ בַּאוַוארְפְן מִיט גְרוֹיס גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אוֹיף דִי סְפָרִים, מֶענְטְשְׁן דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק; אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ״ה)

# שַׁבָּת לִיכְט

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת – אַזוֹי אִיז מֶען מְקַבֵּל פָּנִים דִי נְשָׁמָה וֶוען זִי קוּמְט אַרוֹיף בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן. וֶוען אַ פְרוּמֵי צִינְדְט לִיכְט מִיט שִׂמְחָה, זִי אִיז מְקַבֵּל דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה מִיט פְרֵייד, מִיט לִיבְשַׁאפְט, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט אַרוֹיף צוּ גֵיין לְעוֹלָם הָעֶלְיוֹן – וֶועט מֶען מְקַבֵּל זַיין אִיר נְשָׁמָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

אַזוֹי זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן ו, דַף כג:): "מָאן דִּמְקַבְּלִין אוּשְׁפִּיזִין" וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף דִי גֶעסְט, וֶועלְכֶע גֶעסְט? "דְּאִינוּן נִשְׁמָתִין יְתֵרִין" דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, "דְּאִינוּן מַרְכִּיבִין עֲלַיְיהוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת" וָואס קוּמְט עֶרֶב שַׁבָּת, "בְּאַנְפִּין צְהוּבִין" מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "בְּחֶדְוָה" מִיט פְרֵייד, "בְּעִנּוּגָא" מִיט אַ פַארְגֶענִיגְן, "בְּהַאי עָלְמָא" אוֹיף דִי וֶועלְט, "כַּד נִשְׁמָתָא וְרוּחָא וְנַפְשָׁא נָפִיק מִן גּוּפֵיהּ מֵהַאי עָלְמָא, הָכִי מְקַבְּלִין לוֹן" אַזוֹי וֶועט מֶען אִיר מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, "בְּעָלְמָא דְאָתֵי" אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "וְאִתְּמַר בְּהוֹן" אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פד, ד): "גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וְגוֹ'".

"זַכָּאָה אִיהוּ" וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, "מָאן דִּמְקַבֵּל אוֹרְחִין בִּרְעוּ שְׁלִים" וָואס נֶעמְט אוֹיף גֶעסְט מִיט אַ גוּטֶע ווִילְן, "כְּאִלּוּ מְקַבֵּל אַנְפֵּי שְׁכִינְתָּא" עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז מְקַבֵּל פָּנִים, עֶר נֶעמְט אוֹיף – דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דִּבְמִדָּה דְמָדַד בַּר נַשׁ" וַוייל וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "בָּהּ מוֹדְדִין לֵיהּ" פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין צַייט, צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעלַאסְן. מֶען זֶעט וִוי דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם מַאכְט מְשׁוּגָע מֶענְטְשְׁן; פְרַייטָאג אִין דִי זוּמֶער וָואכְן אִיז אַזוֹי לַאנְג, דָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן צוּ צִינְדְן אִין צַייט, מֶען לוֹיפְט אִין שְׁוִויעֶר בַּיים זְמַן, מֶען שְׁרַייט, מֶען רֶעגְט זִיךְ; דָאס אַלֶעס מַאכְט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם גַאסְט, דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ – מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' פְלֶעגְט זִיךְ אָנְטוּן שׁוֹין צוּם לִיכְט צִינְדְן אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד, זִי פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיט דִי קְלֵייד וָואס מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט – זִיצְט מֶען אִין גַן עֵדֶן"; דָאס אִיז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס זָאגְט, וִוי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אוֹיף דֶעם שַׁבָּת – אַזוֹי וֶועט מֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי נְשָׁמָה.

וואוֹיל אִיז דִי פְרוּמֵי וָואס גֵייט אַרַיין שַׁבָּת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו הויבן זיך צוריק אויף

אין א בריוו פון די וואך מאנטאג, האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן גאר שטארקע התחזקות, וואס האט געמאכט גאר א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו און אויף פילע אידן איבער די גארער וועלט וואס ליינען די בריוו מיט דארשט.

אינעם בריוו ברענגט דער ראש ישיבה שליט"א ארויס אז דער עיקר גרויסקייט און שטארקייט פון א איד דערקענט זיך ווען ער איז אראפגעפאלן, און פון דעסט וועגן שטארקט ער זיך און ער קומט ווייטער צוריק צום אייבערשטן.

פאלגנד איז די בריוו:

ברודער, יעצט ווען דו ביסט אזוי אראפגעפאלן, ביסט אין אזא קטנות הדעת, יעצט אין אזא מצב וכו', אויב וועסטו זיך דערהאלטן - וועסטו זוכה זיין צו שיינע זאכן. אזוי ווי עס איז געווען ביי רבי נתן זכרונו לברכה, מען האט דערציילט פאר רבי נתן אז עס איז געווען א איד וואס פלעגט פאסטן משבת לשבת, אלע האבן אים געגעבן כבוד, אלע האבן זיך אויפגעשטעלט פאר אים, מען האט אים געגרוסט "גוט שבת". ויהי היום, עס האט אים אנגעכאפט א בולמוס, עס איז אים שלעכט געווארן, ער האט געשפירט ווי ער גייט חלש'ן, האט ער זיך געוואשן און גענומען פון די מצה פון די ערובי חצירות פון בית המדרש. דער משמש האט דאס באמערקט, ער האט געטראכט צו זיך 'דער איד פאפט אפ אלעמען, ער זאגט אז ער פאסט, יעצט זע איך אז ער איז א גנב, ער גנב'עט די מצה פון שטאט!' אן צו גיין פרעגן דעם איד וואס גייט פאר, האט ער אנגעהויבן שרייען קולות: "גנב! פאפער!!!" ווער עס איז אריינגעקומען אין שול האט דער משמש דערציילט די מעשה, ער האט יענעם זייער מבזה געווען. יענער האט נישט געהאט אונזער התחזקות, ער איז נעבעך אזוי אראפגעפאלן, ער האט אפגעלאזט אידישקייט ה' ירחם.

ווען רבי נתן האט דאס געהערט האט ער געזאגט: "א שאד, א שאד; ווען ער וואלט זיך דערהאלטן וואלט ער צוגעקומען צו די גרעסטע מדריגה"; עס איז נישט קיין קונץ צו דינען דעם אייבערשטן ווען אלע געבן כבוד, ווען אלעס גייט גוט, די קונץ איז ווען אלע רעדן אויף מיר, אלע שפעטן, אלע זענען מיך מבזה - בלייב איך א געטרייער עבד צום באשעפער.

איך בעט דיר טייערער ברודער ליבער חבר, הייב זיך אויף, הויב אן נאכאמאל, דער קונץ איז נישט ווען עס גייט גוט, דער קונץ איז יעצט, ווען אלעס איז שווארץ - נישט אפלאזן דאס ווילן, דאס בענקען און האפן. אזוי ווי די מעשה גייט, דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געהאט א תלמיד רבי שאול מטעפליק זכרונו לברכה, ער איז געווען א גרויסער עובד ה', ער האט געדאווענט און געלערנט מיט א געוואלדיגע ברען. איינמאל איז רבי נתן געווען אין טעפליק און צוזעענדיג זיינע עבודות, ווי ער דינט דעם אייבערשטן מיט אזא התלהבות - האט אים רבי נתן געזאגט: "שאול שאול, איך האב פון דיר נאכנישט קיין הנאה; ווען איך וועל זען ווי שאול פאלט אראפ און הייבט זיך צוריק אויף און דינט ווייטער דעם אייבערשטן - דעמאלט וועל איך הנאה האבן"; רבי נתן האט אים געוואלט מיט דעם אנגרייטן פארן לעבן, ווייל נישט אייביג קען מען ברענען צום אייבערשטן ברציפות, עס קומט אמאל א צייט ווען מען פאלט אראפ, און דעמאלט - אויב מען איז שטארק - איז מען א ריכטיגער העלד.


## שואלין ודורשין

שיעורי התחזקות, שיעורי תורה, שיעורי הלכה, הגדה, מעשיות פאר קינדער, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב פסח

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**